בעז"ה

# מחשבות

מחשבות און געדאנקען אין עבודת השי"ת

פרשת בשלח

גליון קלד שנה ד



בהכוונת
יו"ר מכון מחשבת החינוך
המחנך הנפלא
הרב שלמה טייטלבוים שליט"א

# די שטערקסטע סגולה פאר די בעסטע פרנסה!

גלייך נאך קריעת ים סוף, ווען די יודען האבן געענדיגט די שירה שטייט אין תורה "וַיַּסַּע משה את העם מים סוף" - משה האט אוועק געפיהרט דעם פאלק פון ים סוף, דער פסוק ענדיגט צו "וילכו שלשת ימים ולא מצאו מים" - זיי זענען געגאנגען דריי טעג און נישט געטראפן וואסער, און דא קומט די מעשה מיט די מי מרה.

רש"י ערקלערט אונז אז משה האט זיי געדארפט מיט כח אוועק שלעפן פון דארט, זיי האבן נישט געוואלט אוועק גיין ווייל מ'האט דארט געטראפן אסאך אוצרות פון די מצריים.

לכאורה איז דאס צוויי פארשידענע מעשיות די מעשה מיט ביזת הים און די מעשה מיט די ביטערע וואסער, צוויי אנדערע מעשיות וואס זענען געשעהן און צוויי פארשידענע פלעצער מיט דריי טעג צווישן איין מעשה צום אנדערן, איז פארוואס שטעלט עס די תורה צו אין איין פסוק? וואס האט דאס צו טוהן איינס מיט'ן צווייטן?

שפעטער ווען די יודען זענען אנגעקומען אין מדבר און נישט געהאט וואס צו עסן האט דער אייבישטער געזאגט פאר משה רבינו "הנני ממטיר לכם לחם מן השמים" - איך ברענגט אייך אראפ ברויט פון הימל "ויצא העם ולקטו דבר יום ביומו" - דאס פאלק וועט ארויס גיין יעדן טאג זאמלען, "למען אנסנו הילך בתורתי אם לא" - כדי אויס צו פראבירן די יודען אויב זיי וועלן זיך פירן לויט די תורה אדער נישט.

דער אייבישטער זאגט נישט פאר משה אז זיי וועלן באקומען ברויט כדי זיי זאלן האבן וואס צו עסן, די ברויט באקומען זיי פארוואס? "למען אנסנו" כדי זיי אויס צו פראבירן, וואס איז דא דער גרויסער נסיון וואס די יודן האבן געהאט אין די מן? וועלכע נישט גוטע זאכן האט מען שוין געקענט מאכן מיט די מן? וואס דורך דעם גייט מען אויס פראבירן די יודן?

שפעטער אין די פסוקים טרעפן מיר אז די צוויי רשעים דתן און אבירם האבן איבער געלאזט פון די מן, און דאס איז פארפוילט געווארן, דער פסוק פירט אויס "ויקצוף עליהם משה" - משה האט זיך געבייזערט אויף זיי.

דריי מאל טרעפן אונז אין די תורה אז משה האט זיך געבייזערט, אין פרשת שמיני ביי די מילואים און אין פרשת מטות ביי מלחמת מדין און דא ביי אונז, ביי די מילואים און ביי מלחמת מדין שטייט אז משה האט זיך געבייזערט און ער האט זיי אויך געזאגט פאר וואס ער בייזערט זיך, דא שטייט נישט אז משה האט עפעס געזאגט, ווען א מענטש איז בייז און ער ערקלערט פארוואס, דאס הייסט אז ער איז נישט אזוי בייז און ער קען נאך ערקלערן וואס ס'שטערט אים, אבער א מענטש וואס איז בייז און ער קען גארנישט רעדן דאס ווייזט אז זיין בייזקייט איז גאר שטארק אז ער קען גארנישט רעדן.

דאס הייסט אז ביי דתן און אבירם איז משה געווען זייער בייז אז ער גארנישט געקענט רעדן, און מיר דארפן פארשטיין וואס האט אים אזוי שטארק געשטערט אז ער איז געווארן פון דעם אינגאנצן פארלוירען? זיי האבן טאקע געזינדיגט אבער וואס איז די עבירה געווען אזוי עקסטרים?

די גמרא אין ירושלמי זאגט: "כל האומר פרשת המן בכל יום מובטח לו שלא יתמעטו מזונותיו" איינער וואס זאגט יעדן טאג פרשת המן איז פארזיכערט אז ער וועט נישט פארלירען זיין פרנסה. דער טור אין אורח חיים ברענגט אויך אז "ראוי לאומרו בכל יום" - ס'פאסט דאס צו זאגן יעדן טאג, וואס איז אזוי חשוב אין פרשת המן אז ס'ברענגט פרנסה פאר דעם מענטש? און וואס איז אזוי וויכטיג אז מ'זאל דאס זאגן יעדן טאג?

*

דער רב רופט צו א וויכטיגע אסיפה היינט ביינאכט - האט דער שמש איבער געגעבן די דראמאטישע הודעה פאר דעם ראש הקהל.

וואס איז געשעהן? - האט ער זיך געוואונדערט.

איך וייס נישט - האט דער שמש געענטפערט - דער רב האט מיר גארנישט געזאגט.

אזוי איז דער שמש אריבער אין די גאנצע שטאט און צוזאם גערופן אלע פרנסים פון די שטאט צו א דרינגענדע אסיפה ביים רב אין שטוב היינט ביי נאכט.

אין די פונקטליכע צייט האבן זיך אלע פרנסים פון שטאט געטראפן פאר'ן טיר פונ'ם רב, אלע זענען געווען נייגעריג און אנגעצויגן, ס'איז נאך קיינמאל נישט פאר געקומען



# דבר העורך

פרשת בשלח רופט זיך ביי כלל ישראל שבת שירה, וועגן די שירת הים וואס ס'שטייט אין די פרשה. די אמת איז אז ס'איז נישט אזוי פארשטענדליך, ווייל ווען מ'קוקט אביסל אריין אין די פרשה זעהט מען אז די יודען האבן איינמאל געזאגט שירה און צעהן מאל האבן זיי געקלאגט.

ווען מיר וועלן נאך זוכן וועלן מיר טרעפן די ווארט תלונה לפחות צעהן מאל אין די פרשה, די יודען האלטן אין איין קלאגן די גאנצע צייט, איז פארוואס רופט מען דאס אויב אזוי "שבת שירה" ס'וואלט דאך מער געפאסט צו אנרופן דעם שבת "שבת תלונה"?

נאר למעשה דאס איז דער נאטור פון דער מענטש, ווען ס'גייט אים גוט איז דאך אלעס בסדר, אבער ווען עפעס גייט פלוצלינג נישט אזוי ווי דאס פלאן דעמאלס הייבט מען אן צו קלאגן, א מענטש איז צו געוואוינט צו זעהן וואס ס'פעלט אים און נישט וואס ער האט שוין באקומען.

ווען א מענטש קלאגט איז דאס גאנץ א נארמאלע זאך, ס'איז נישטא אין דעם קיין שום חידוש, ס'איז נישטא אין דעם עפעס א ספעציעלקייט.

אבער אז א מענטש טוישט זיך זיין בליק, אז כלל ישראל קוקט זיך ארום מיט א בליק פון הכרת הטוב, אז מ'זעהט דעם נס און מ'זאגט שירה, דאס איז א חשוב'ע זאך, דאס איז א ספעציעלקייט, דאס דארף מען שטארקן, אז א מענטש זאל זעהן וואס ער האט און וואס ער האט באקומען און זיך אויסלערנען צו זאגן שירה.

נאך די שירה שטייט אז מרים האט אויך געזאגט שירה מיט די פרויען, וואס האט זי געזאגט? די זעלבע ווערטער וואס משה האט געזאגט, איז וואס פעהלט אויס דאס צו זאגן זי האט דאך גארנישט צו געלייגט?

נאר די חידוש פון מרים איז נישט געווען די ווערטער פון די שירה וואס זי האט געזאגט, די חידוש איז געווען אז נאכדעם וואס מ'האט שוין געענדיגט צו זאגן שירה האט מרים פארשטאנען, אז אזוי ווי דער נס איז שוין אריבער און מ'האט זיך שוין בארוהיגט און יעצט וועלן אלע פארגעסן פון דעם, איז זי געגאנגען נאך אמאל אויף וועקן די עולם שירו לה' זינגט ווייטער הערט נישט אויף צו דאנקען, גייטס נישט צוריק צום אלטען וועג פון די טענות, געדענקטס די גוטס אויך שפעטער, דאס איז דער חידוש וואס מרים האט דא געברענגט.

יעדער איינער אין יעדע זאך וואס ער האט און וואס ס'געשעהט מיט אים איז דא גוטסקייט, מ'דארף נאר עפנען די אויגן און זעהן.

מיר זאגן יעדן טאג ביי ברכת המזון "שבכל יום ויום הוא היטיב הוא מטיב הוא ייטיב לנו", נישט איינמאל א יובל איז מיר גוט, נישט נאר ווען ס'גייט מיר גוט, נאר "שבכל יום ויום" אויך ווען ס'זעהט נישט אזוי אויס, קוק דיך ארום און זעה אז "הוא היטיב הוא מיטיב הוא ייטיב לנו".

**א גוטן שבת**

מ׳קען הערן דעם וואכעדיגן מאמר אויף די
**"מחשבות ליין"**
אין ענגלאנד 03300412861 (+44) אין ארץ ישראל 0772021021 (+972)
(באישור ועד הרבנים לעניני תקשורת)
**שמעו ותחי נפשכם**

אזא זאך אז דער רב זאל רופן אן אסיפה אזוי וויכטיג ביי זיך אינדערהיים.

איך האב מחליט געווען - האט דער רב אן געהויבן די אסיפה אן אסאך הקדמות - אפ צו לאזן די שטאט קראקא, און איך בעהט אייך שוין יעצט אן צו הייבן צו זוכן א נייע רב פאר'ן שטאט.

די פרנסים זענען געבליבן זיצן שאקירט, נישט געקענט עפענען די מויל.

דער ערשטער האט זיך אויף געוועקט דער ראש הקהל: רב לעבן, שוין דרייסיג יאהר איז דער רב אונזער באליבטער רב, האבן אונז עפעס שלעכטס געטוהן, איז עפעס געשעהן דא אין שטאט וואס צווינגט דעם רב אונז אפ צו לאזן?

אידהר קענט זיין רוהיג - האט אים דער רב געענטפערט -אידהר זענט אלע פיינע וואוילע און ערליכע יודען, אבער איך מוז פון דא אוועק פארן.

אבער פארוואס? - האט דער ראש הקהל זיך געוואונדערט.

דאס קען איך נישט ערקלערן - האט דער רב געענטפערט - אבער איך מוז דאס טוהן וועגן א באהאלטענעם טעם.

די שמועה האט זיך שנעל צושפרייט אינעם גאנצ'ן שטאט, דער עולם איז געווען זייער צובראכן פון דעם, די פרנסים האבן זיך פראבירט צו טענה'ן, דעלעגאציעס פון תלמידי חכמים זענען ארויף געקומען זיך בעטן, אבער גארנישט האט נישט געהאלפן דער רב איז געבליבן מיט זיינס, ער לאזט אפ די שטאט אין די נעקסטע פאר וואכן און מ'זאל זוכן א נייעם רב אנשטאט אים.

צוויי וואכן שפעטער, די עולם האט זיך שוין מייאש געווען פון צו בעטן דעם רב זאל בלייבן, די קהילה האט אנגעהויבן צו זוכן א צווייטע רב, און דער שמש איז נאך אמאל ארום געגאנגען און צוזאם גערופן אלע פרנסים צו א דרינגענדע אסיפה ביים רב אנדערהיים.

איך האב מחליט געווען - האט דער רב נאך אמאל אן געהויבן די אסיפה -צו בלייבן דא אין שטאט, און אויב אידהר האט נאך נישט געטראפן א נייע רב בין איך מסכים צו בלייבן דער רב.

מיר פרייען זיך זייער אויף די הודעה - האט דער ראש הקהל אויסגערופן - אבער אפשר וועט אונז דער רב דערציילן וואס האט זיך יעצט געטוישט? ווער האט דאס אויס געפויעלט ביים רב?

למעשה האט עס קיינער נישט אויסגעפויעלט ביי מיר, און די סיבה וואס וועגן דעם האב איך געוואלט אפ לאזן די שטאט איז נאך דא, אבער די וואך איז ביי מיר פארגעקומען א דין תורה וואס האט מיר גורם געווען צו וועלן בלייבן דא אין שטאט.

און די מעשה איז אזוי געווען:

ס'איז דא דא א יוד אין שטאט לאמיר אים רופן ר' מענדל, ר' מענדל איז זייער א חשובער תלמיד חכם וואס זיצט און לערנט טאג און נאכט, זיין גאנצע לעבן איז נאר דאווענען און לערנען און דינען דעם באשעפער, חוץ פון דעם אינטערעסירט אים גארנישט אויף דער וועלט.

ווען די משפחה פון ר' מענדל איז געוואקסן און מ'האט געדארפט אהיים ברענגען עסן האט ר' מענדל אנגעהויבן צו האנדלען מיט פארשידענע סחורות כדי צו ברענגען פרנסה, ער פלעגט קויפן גאנצע זעק מיט סחורה, און יעדן טאג האט ער אוועק געגעבן דריי שעה פון טאג ער איז געשטאנען אויפ'ן מארק און פארקויפט זיין סחורה.

איין טאג גייט אריבער אין מארק איינע פון די שטאטישע גבירים לאמיר אים רופן ר' יענקל, און ר' יענקל זעהט פלוצלינג ווי דער חשוב'ער ר' מענדל שטייט און פארקויפט סחורה אזוי ווי א פשוט'ער סוחר.

ר' יענקל האט דאס נישט געקענט צו קוקן, און ער צו געגאנגען צו ר' מענדל:

היתכן, אזא יוד ווי דיר זאל שטיין און פארקויפן סחורה אין מארק אזוי ווי עפעס א פשוטער סוחר, ס'פאסט דאך נישט - האט ר' יענקל געטענה'ט.

נו, איז וואס איז אז ס'פאסט נישט - האט ר' מענדל געענטפערט - און בלייבן הונגעריג פאסט בעסער? איך מוז דאך ברענגען עסן פאר מיינע קינדערלעך.

איך וועל דיר געבן געלט צום לעבן און לאז אפ די ביזנעס - האט אים ר' יענקל געזאגט.

איך וויל נישט לעבן פון צדקה - האט אים ר' מענדל געענטפערט.

איך געב דיר נישט צדקה - האט זיך ר' יענקל אנגערופן צוריק - לאמיר מאכן א געשעפט, לאמיר מאכן א שותפות פון "יששכר זבולון" איך וועל דיר אויס צאלן וואס דו דארפסט צום לעבן און זיין דורך דעם א שותף אין דיין תורה.

דאס איז שוין עפעס אנדערש - האט ר' מענדל געענטפערט - צו דעם בין איך מסכים.

ר' יענקל האט זיך אוועק געזעצט אין א ווינקל מיט ר' מענדל ארויס גענומען א בלאט מיט א פעדער און געמאכט א שטר שותפות צווישן זיי, ר' יענקל האט צו געשטעלט א לחיים און די שותפות איז ארויס אויפ'ן וועג.

ר' מענדל האט אויף געהערט צו קומען אין מארק און ער האט אויס גענוצט זיין גאנצע צייט צו זיצן רוהיג און לערנען.

ס'איז אריבער אפאר וואכן און ר' מענדל האט נאך אמאל געקויפט סחורה און ארויס אויפ'ן מארק, ר' יענקל האט דאס געהערט איז ער געקומען צו לויפן, וואס הייסט? מיר האבן דאך א שותפות? דו מעגסט נישט ארויס גיין אין מארק.

איך וויל נישט מער זיין א שותף מיט דיר - האט אים ר' מענדל געענטפערט.

וואס הייסט דו ווילסט נישט - האט ר' יענקל געטענה'ט - א געשעפט איז א געשעפט און מ'קען דאס נישט מבטל זיין אן דער צווייטער איז מסכים.

און אזוי זענען זיי אנגעקומען צו מיר צו א דין תורה - דערציילט דער רב.

פאר וואס ווילסטו נישט ווייטער מאכן די שותפות - האב איך געפרעגט ר' מענדל - ס'איז דאך זייער גוט פאר דיר דו וועסט קענען זיצן אין לערנען א גאנצ'ן טאג אן דאגות?

די אמת איז אז איך האב אויך אזוי געטראכט - האט ר' מענדל געענטפערט - אבער נאך א צייט האב איך געשפירט אז דאס שטערט מיר און איך האב שאדן אין אנדערע זאכן.

וואס הייסט? - האב איך מיך געוואונדערט.

ביז היינט האב איך געוואוסט אז איך בין אנגעהאנגען אין די חסדים פון דעם אייבישטער, און אויב ער וועט מיר העלפן וועל איך אין די דריי שעה פארדינען גענוג צו עסן, און אויב נישט וועל איך בלייבן הונגעריג יענעם טאג, איך האב יעדן טאג געדענקט אז דער אייבישטער איז דער וואס גיבט מיר צו עסן און איך האב געדאווענט און געבעטן אויף דעם, איך האב געשפירט דער אייבישטער יעדן טאג מיט מיר.

אבער די לעצטע צייט -האט ר' מענדל אויסגעפיהרט - האב איך אויף געהערט צו שפירן דעם אייבישטער, די עסן איז געקומען פון ר' יענקל אויף א רוהיגע פארזיכערטע וועג, און מיט יעדן טאג וואס איז אריבער האב איך וויניגער געשפירט אז דער אייבישטער איז דא מיט מיר און געבט מיר צו עסן, עד כדי כך אז די לעצטע וואך האב איך אפילו פארגעסן צו דאווענען און בעטן אויף עסן.

די נאנטקייט די קרבת אלוקים וואס איך האב געהאט ווען איך האב געדארפט אנקומען צו די אייבישטער'ס חסדים יעדן טאג, דאס בין איך נישט מסכים בשום אופן צו פארלירן, איך האב עס נישט געוויסט ווען מיר האבן געמאכט די געשעפט, ממילא איז דאס א מקח טעות און איך בין מבטל אונזערע שותפות.

און אזא שטאט - האט דער מגלה עמוקות אויסגעפיהרט - אין א שטאט וואס וואוינען אזעלכע טייערע יודען, וויל איך נישט פארלאזן, און איך בלייב דא מיט אייך.

*

די תלמידים פון רשב"י האבן אים געפרעגט פארוואס איז אראפ מן יעדן טאג פון הימל מן? פארוואס האט דער אייבישטער נישט אראפ געברענגט מן איינמאל א יאהר פאר די גאנצע יאהר?

האט זיי רשב"י געענטפערט מיט א משל פון א קעניג וואס האט געהאט א איינציגע קינד, און איינמאל א יאהר האט ער אים געגעבן געלט פאר די גאנצע יאהר ער זאל האבן פון וואס צו לעבן, אבער דער מלך האט באמערקט אז זיין קינד געדענקט נאר איינמאל א יאהר צו קומען א באזוך און א גאנץ יאהר זעהט מען אים נישט פאר די אויגן, האט אים דער קעניג אנגעהויבן צו געבן געלט יעדן טאג פאר דעם טאג, און אזוי האט דער קינד געמוזט קומען יעדן טאג צום קעניג.

אזוי אויך ביי די מן ווען דער אייבישטער וואלט אראפ געברענגט די מן איינמאל א יאהר וואלטן די יודען געדענקט נאר איינמאל א יאהר צו דאווענען און צו בעטן אויף זייערע צרכים, און וויבאלד אז דער אייבישטער וויל די קשר מיט כלל ישראל יעדן טאג האט ער זיי אראפ געגעבן יעדן טאג מן פאר דעם טאג און דורך דעם האט יעדער יוד געוויסט און געשפירט אז ער דארף יעדן טאג פון דאס ניי אנקומען צום אייבישטער.

# שאלות ותשובות

**שאלה:** איך בין זייער נישט צופרידן פון מיין מצב אין ישיבה, אויך אין דערהיים שטערט מיר זייער אסאך זאכן, איך פארשטיי אז נישט אלעס קען גיין אזוי ווי איך וויל, אבער ווי אזוי קען איך זיין צופרידן ווען ס'גייט נישט אזוי ווי איך וויל?

**תשובה:** פאר די תשובה לאמיר אביסל פארברייטערן די שאלה, וואס מאכט א מענטש זאל זיין צופרידן אין זיין לעבן? די שאלה איז זייער א וויכטיגע שאלה ווייל מיר זעהן אז די גאנצע וועלט איז באשעפטיגט טאג אין נאכט צו טוהן אלעס כדי צו זיין צופרידן.

יעדער מענטש אויף דעם וועלט וואס מ'וועט אים פרעגן וואס וויל ער די מערסטע וועט ער זאגן צו זיין צופרידן, יעדער וועט דאס ארויס ברענגען מיט אנדערע ווערטער, א יוד א עובד ה' וועט זאגן צו זיין נענטער צו השי"ת, און א בעל הבית וועט זאגן גוטע קינדער אדער פרנסה בשפע, יעדער וועט זאגן די זאך וואס ער מיינט אז דורך דעם וועט ער זיין גליקלעך און צופרידן, אבער דער צד השוה פון אלע מענטשן אויף דער וועלט אז זיי ארבעטן און שטרענגען זיך אן די גאנצע לעבן אז ס'זאל זיי זיין גוט, כדי זיי זאלן זיין צופרידן און גליקלעך.

לכאורה, נאך אזוי פיל דורות פון מענטשן וואס ארבעטן אלע פאר די גלייכען ציל, וואלט דאך געדארפט זיין א געוויסע באקאנטע רעצעפט, און א געוויסע מהלך וואס מאכט מענטשן צופרידן, דער וועלט וואלט געדארפט זיין אנגעפולט מיט מיליאנען צופרידענע מענטשן, איז דאס טאקע אזוי?

ווען מיר וועלן ארויס גיין און פרעגן מענטשן, אויב זיי זענען צופרידן אדער נישט, וועלכע תשובה וועלן מיר באקומען? די תשובה פון יעדער איינער וועט זיין כמעט אין די גלייכען סיסטעם, איך בין נאך נישט צופרידן אינגאנצען, ווען איך וועל נאר ענדיגן מיט די פראבלעם פון פרנסה / געזונט / קינדער /שידוכים / א.א. וו. וועל איך זיין גליקלעך און צופרידן, ס'גייט קומען איך בין אונטערוועגס איך גלייב אז ביז א יאהר צוויי וועל איך זיין צופרידן, דאס וועט זיין די תשובה פון די בעסערע מענטשן, די מענטשן וואס אונז מיינען אז ס'גייט זיי גוט, די אנדערע וועלן קלאר באווייזן זייערע נישט צופרידנהייט.

יעדער איינער פון די מענטשן וועט דיר קענען צוזאגן, אז ער איז זיכער אז יענער שכן, יענער באקאנטער, איז זייער א צופרידענער, ס'איז אים גוט און ער איז גליקלעך, פארוואס איז דאס אזוי? ווייל יענער האט די זאך וואס פעלט מיר, וואס ווען איך האב דאס וועל איך זיין צופרידן און אז יענער האט עס איז ער זיכער צופרידן, אבער ווען דו וועסט מברר זיין ביי יענעם וועסטו הערן די גלייכע זמירות אויף א אנדערע זאך וואס ס'פעלט אים.

אזוי דרייט זיך די גאנצע וועלט, מענטשן ארבעטן שוין ה'תש"פ יאהרן אויף צו זיין צופרידן, און יעדער איז זיכער אז יענער איז צופרידן און ער גייט באלד ווערן צופרידן אויב ס'וועט מצליח זיין, און "אין אדם מת וחצי תאותו בידו" אלע גיין פון דער וועלט אינמיטן וועג פון צו זיין צופרידן.

פארוואס איז דאס אזוי? ווי איז די מענטשליכע חכמה וואס האט אויסגעטראפן אזוי פיל גוטע זאכן און נאר דעם נוסח פון זיין צופרידן האט ער נישט געטראפן?

איז טאקע נישטא א מצב א מענטש זאל זיין צופרידן אין זיין לעבן?

איז טאקע נגזר געווארן אויף דעם מענטש א פארביסענע לעבן אויף דער וועלט?

נאך מער, די משנה אין אבות שרייבט "כך היא דרכה של תורה, פת במלח תאכל, ומים במשורה תשתה, על הארץ תישן וחיי צער תחיה, ובתורה אתה עמל, ואם אתה עושה כן אשריך וטוב לך, אשריך בעולם הזה וטוב לך לעולם הבא" די חלק וואס די משנה רעדט פון עולם הבא איז זייער פארשטענדלעך, נאך אזוי פיל זיך פלאגן אין עולם הזה וועט ער זיכער האבן גוט אויף עולם הבא, אבער "אשריך בעולם הזה" - גליקלעך אויף דער וועלט?! היתכן צו רופן אזא מענטש א גליקלעכער מענטש?

די מסקנא וואס ס'קומט ארויס פון די משנה איז אויב אזוי, אז גליקלעך און נישט גליקלעך, צופרידן און נישט צופרידן, ווענט זיך נישט אין וואס דער מענטש האט אדער ער האט נישט, ווייל אויב אזוי וואלט מען נישט געקענט זאגן אויף א מצב פון פת במלח אשריך בעולם הזה, נאר דאס ווענט זיך אינגאנצען אין עפעס אנדערש, איז אין וואס ווענט זיך דאס יא?

דער תירוץ איז אז דאס ווענט זיך נאר אין דער מענטש אליין!

צופרידנהייט קען נישט קומען פון אינדרויסן צו אינעווייניג, דאס קען נישט קומען פון זאכן און פארמעגן וואס א מענטש האט אדער ער האט נישט, דאס ווענט זיך נאר אין דעם בליק פון דער מענטש אויף די זאכן וואס ער האט.

יעדער מענטש האט אין זיין לעבן זאכן וואס ער מוז זיך מיט דעם פארמעסטן, זאכן וואס זענען שווער פאר אים, אבער פון די צווייטע זייט האט ער אויך אסאך זאכן וואס ס'איז אים גוט, זאכן וואס ער קען זיין מיט דעם צופרידן און גליקלעך, די זאך איז וואס קוקן אונז אן שטערקער און וועלכע זאך איז אריין געשטעלט אין אונזער בליק.

די משנה זאגט "איזהו עשיר השמח בחלקו" ס'איז דא וואס מיינען אז די משנה קומט בארוהיגן דעם שלימזל וואס ס'גייט אים נישט גוט און מ'זאגט אים אז ער קען אויך הייסן א עשיר ווען ער וועט זיין צופרידן מיט וואס ער האט, אבער נישט דאס איז די פשט אין משנה.

די משנה מיינט נישט צו זאגן אז "השמח בחלקו" איז אויך א עשיר. די משנה מיינט אונז צו זאגן אז נאר "השמח בחלקו" איז א עשיר, ס'איז נישט קיין חילוק וויפיל דער מענטש פארמאגט, ער קען האבן א גרויסע פארמעגן און די גאנצע שטאט וועט אים אנקוקן אזוי ווי א עשיר אבער אויב ער איז נישט א "שמח בחלקו" אויב ער איז נישט צופרידן מיט וואס ער האט איז ער נישט א עשיר, ווייל ס'ווענט זיך נישט וויפיל ס'ליגט אין זיין באנק, נאר ס'ווענט זיך אין זיין בליק אויף דאס וואס ער האט.

א שיינער יוד האט אמאל חתונה געמאכט, פארשטייט זיך אז ער האט גערופן די גאנצע שטעטל צום סעודה, דער ראש הקהל איז געזעצן אויבן אן און דער רבי ר' זושא איז געזעצן אונטען מיט די ארימע לייט, דער ראש הקהל איז געזעצן אנגעצויגן און נערוועיז און דער רבי ר' זושא איז געזעצן פריילעך און צופרידן.

וואס איז דער חילוק צווישן אונז? - האט דער רבי ר' זושא מסביר געווען - דער ראש הקהל האט פארשטאנען אז ער מוז זיצן אויבן אן און ער מוז אויך באקומען א כיבוד ביי די חופה, און אויך א ברכה ביים

בענטשן און פארשטייט זיך אז דער חתן מוז טאנצען מיט אים, און וואס איז טאקע געווען מ'האט אים גערופן צו די חתונה און געזעצט אויבן אן, אבער נישט א ברכה ביי די חופה און נישט ביי די בענטשן, און אפילו נישט א כיבוד צו טאנצן מיט'ן חתן, זאל ער נישט זיין אנגעבלאזן?!

אבער איך - זאגט דער רבי ר' זושא - איך האב געוואוסט אז מיר גייט מען בכלל נישט רופן צו די חתונה, ווייל ווער בין איך בכלל, און אויב מ'וועט מיר שוין רופן וועט עס זיין נאר צום טאנצען, און וואס איז געשעהן צום סוף, מ'האט מיר גערופן און נישט צום טאנצען נאר צו די גאנצע סעודה, און איך האב באקומען א חלה און נישט נאר א חלה נאר אויך פיש, און נישט נאר פיש נאר אויך א שטיקל פלייש, זאל איך נישט זיין צופרידן?!

דער ראש הקהל און דער רבי ר' זושא האבן געהאט די זעלבע סעודה, די חילוק פון זיי איז נאר געווען, די וועג ווי אזוי יעדער האט אנגעקוקט די זאך וואס ער האט און דאס האט געמאכט דער ראש הקהל נישט צופרידן און דעם רבי ר' זושא גליקלעך און צופרידן.

דאס מיינט די משנה און פרקי אבות "אשריך בעולם הזה" אויב די לעבסט מיט די מחשבה אז וואס איך האב איז מיר געגוג אפילו פת במלח, וועסטו אלע מאל זיין גליקלעך ווייל די וועסט טאקע אלע מאל האבן מער פון וואס דו ווילסט.

איז דאס נישט סתם א שפיל פון דמיונות? און ווי אזוי מאכט מען דאס למעשה?

אי"ה נעקסטע וואך.

## המשך מעמוד ב'

דאס איז דער יסוד פון כלל ישראל און דאס דארף זיין די ריכטיגע קשר פון כלל ישראל מיט'ן אייבישטער, א טאג טעגליכע קשר פון זיך אדורך שמועס'ן און בעטן אלעס וואס מ'דארף אזוי ווי א טאטע וואס האט א נאנטע קשר טאג טעגליך מיט זיין באליבט'ן קינד.

ווען כלל ישראל איז ארויס פון ים סוף און געזעהן די גרויסע פארמעגן וואס דער ים האט אויס געשפיגן, האבן זיי זיך צו געכאפט מיט א מוירעדיגע תאוה, ענדליך וועלן זיי שוין אויך אמאל זיין גבירים, נישט אזוי ווי זיי זענען געווען נעבעכדיגע עבדים ביז היינט, ענדליך זענען זיי שוין אליין שיינע גבירים און דארפן נישט צו קומען צו טובות פון יענעם, זיי האבן זיך אזוי שטארק געוואלט שפירן שטארק און גוט און רייך אז משה האט זיי געמוזט אוועק שלעפן פון דארט מיט כח ווייל זיי האבן נישט געוואלט אוועק גיין.

אבער גלייך האבן זיי באקומען א שיעור זיך צו לערנען ריכטיג זייער פלאץ, גלייך שפעטער האבן זיי נישט געהאט וואס צו טרינקען און זיי זענען געקומען צו לויפן מיט קולות צו משה רבינו "מה נשתה" - וואס וועט מען טרינקען, וואס הייסט וואס וועלן מיר טרינקען? איהר זענט דאך גבירים שיינע יודען וואס דארפן נישט אנקומען צו קיינעם איז וואס איז די פראבלעם? טרינקט'ס אייער געלט? קויפטס וואסער?

דא האבן זיי געלערנט די ערשטע שיעור אז נישט קיין חילוק וואס די האסט און וויפיל דו האסט, דו דארפסט שטענדיג זיין מקושר צום אייבישטער און זיך אויס לערנען זיך צו פארלאזן נאר אויף אים.

גלייך שפעטער איז געקומען די מן, און דאס איז געווען טאקע מיט די מטרה פון "למען אנסנו" זיי צושטעלן אין א נסיון, און דער נסיון איז אויב זיי וועלן זיך פארלאזן אויפ'ן אייבישטער און דורך דעם זיך דערהייבן, אדער זיי וועלן ווייטער זוכן וועגן זיך אליין צו האלטן, וועגן דעם איז דער מן געקומען יעדען טאג נאר פאר דעם טאג, מ'קען נישט זאמלען מ'קען נישט אוועק לייגן פאר די נעקסטע טאג, וואך, יאהר, מ'קען נישט בייהאלטן אז מ'זאל האבן גענוג אויב ס'וועט קומען שווערע צייטן, מ'מוז זיך פארלאזן אויפ'ן אייבישטער טאג טעגליך אן קיין חכמות.

דאס איז געווען די וויכטיגסטע מטרה פון די מן, אז די גייסט שלאפן בייננאכט אן צו וויסן אז ס'ליגט דיר ברויט פאר מארגן, אן דו ווייסט אז ס'ווארט דיר אפ געלט אין באנק, די גייסט שלאפן מיט'ן אייבישטער און דו שטייסט אויף מיט'ן אייבישטער און דו פארלאזט זיך אויף אים, און נאר אויף אים, אז אויב ער האט דיר געגעבן לעבן וועט ער דיר אויך געבן עסן צום בלייבן לעבן.

ווען דתן און אבירם האבן איבער געלאזט די מן אויף צומארגנס, האבן זיי טאקע גארנישט געהאט פון דעם ווייל דאס איז געווארן ווערעמיג, אבער ס'איז געווארן א גרויסע פגם אין די ריינע אמונה פון כלל ישראל, כלל ישראל וועט ווייטער נישט איבער לאזן מן אויף צומארגנס אבער נישט נאר ווייל זיי גלייבן אין דעם אייבישטער נאר אויך ווייל "ס'לוינט זיך נישט" ס'האלט זיך נישט איבער נאכט ס'ווערט ווערעמיג, וועגן דעם איז משה געווארן אזוי אויף געוועגט אויף דתן און אבירם ווייל די וויכטיגסטע שיעור וואס מ'האט זיך גדארפט אפ לערנען פון דעם מן האבן זיי קיילע געמאכט.

און דאס איז דער ענין פון צו זאגן יעדן טאג פרשת המן, ווייל ווען איינער איז זיך מתבונן יעדן טאג אין פרשת המן און זעהט און פארשטייט אז ס'איז נישט קיין חילוק וויפיל דו וועסט ארבעטן און וויפיל דו וועסט דיך אנשטרענגען און וויפיל דו וועסט פארמאגן, וועסטו האבן פונקט וויפיל דער אייבישטער האט דיר באשערט, נישט מער און נישט ווייניגער אזא איינער מובטח לו אז ס'וועט אים גארנישט פעלן קיינמאל.

די גמרא זאגט אז איינער וואס זאגט יעדן טאג די קאפיטל "תהלה לדוד" דריי מאל מובטח לו שהוא בן עולם הבא, די גמרא איז מסביר אז דער קאפיטל האט צוויי מעלות, איינס אז אין דעם קאפיטל איז דא דער פסוק "פותח את ידך" - וואס ווייזט אז דער אייבישטער געבט צו עסן פאר יעדע בריה אויף די וועלט און די צווייטע מעלה אז דאס איז אויס געשטעלט לויט די אלף בית, וואס איז דאס אזוי וויכטיג? נאר ווען א מענטש טראכט אריין דריי מאל א טאג אז דער אייבישטער איז דער איינציגסטער וואס גיבט אלעס פון אלף ביז תו, ממילא פירט ער זיך לויט ווי דער אייביטשער וויל און ממילא איז ער א בן עולם הבא.






הגליון יוצא לאור ע"י
מכון מחשבת החינוך
הדרכה • יעוץ • הכוונה
לונדון יצ"ו

07341.479.294
khachinuch@gmail.com
36 Castewood RD. N16 6DW